# דרינגענדער פארשלאַג וועגען דעם „עגלה"-סקאַנדאַל אין שטאָט-ראַט

דער מאגיסטראַט - בעשלוס איינצופיהרען די „עגלה" ווערט דערווייל צוריקגעצויגען

## היינטיגער נומער האלט 12 זייטען.


№ 277 | Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem | פרייז 35 גראשען | Lodzer Tageblat

# לאָדזער טאָגעבלאַט

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 10057, פון אַדמיניסטראַציע 10047. | פרייטאג, כ"ו מרחשון תר"צ. | 29 listopada 1929 r. | 22-טער יאהרגאַנג.


## שוידערליכער זעלבסטמארד פון א יודישען סוחר אין לאדז

# בראַניסלאַוו גאָלדבוים, האַנדעלס-ריכטער פון לאָדזער קרייז-געריכט וואַרפט זיך אַראָפּ פון 4. שטאָק אין „גראַנד-האָטעל"

### מיט אויפגעשניטענע אָדערן און א צושפּאָלטענעם קאָפּ שטאַרבט ער אויף די הענט פונ'ם פּאָגאָטאָוויע-דאָקטאָר

נעכטען פריה האָט זיך איבער לאָדז פערשפּרייט א שרעקליכע ידיעה וועגען א גרוילענדען זעלבסטמארד פון אַנ'געזעהענעם לאָדזער יודישען סוחר אין די צימערן פון „גראַנד האָטעל".

באַלד האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז ליידער אמת, און דער זעלבסטמערדער איז דער היגער סוחר בראָניסלאַוו גאָלדבוים פון זאַכאָדניא 63, אַנ'אָנגעזעהענער מענש אין דער האַנדעלס-וועלט, א האַנדעלס-ריכטער און מיטגליד דער ריכטער-קאָמיסאַר און קוראַטאָר פון דער באַנקראָטירטער פירמע „ב. פרידענבערג".

גאָלדבוים איז אַרויף מיט דער ווינדע אויפ'ן פירטען שטאָק פון „גראַנד האָטעל", דאָרט האָט ער זיך איבערגעשניטען די אָדערן פון דער האַנד און זיך אַראָפּגעוואָרפען פון פענסטער פון 4. שטאָק אויפ'ן הויף אַראָפּ. ער איז אָבער געפאַלען אויפ'ן גלעזערנעם דאַך פון וועסטיבול. דער דאַך איז צובראָכען געוואָרען אויך פיצלעך און די צעפּיצעלטע שטיקער גלאָז, פערשמירט אין מענשליכען בלוט, זענען מיט געקלינג אַראָפּגעפאַלען אויף דער ערד, און אַרויסגערופען א שטאַרקע בהלה אין „גראַנד האָטעל".

אָבער קיינער האָט נאָכנישט געהאַט קיין אַהנונג, וואָס פאַר א מורא'דיגע טראַגעדיע עס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישען די איינזאַמע ווענד אויפ'ן 4. שטאָק פונ'ם האָטעל.

ווען די האָטעל-דינערשאַפט איז אַרויסגעלאָפען אויפ'ן דאַך פונ'ם וועסטיבול, זוכען וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, זענען זיי אָפּגעשפּרונגען מיט שרעק און פון זייער הארץ האָט זיך אַרויסגעריסען א פערלעשטערליך געשריי. זיי האָבען פאַר זיך דערזעהען א מענש, מיט אויפגעשניטענע אָדערן פון די הענט, און מיט א צושפּאָלטענעם טוח האַלט זיך קראַמפּ האַפט אָן מיט די לעצטע כוחות פאַר'ן אייזערנעם פאַרענטש פונ'ם דאַך.

אין האָטעל איז געוואָרען א שרעקליכער רעש. איינער פון די האָטעל איינוואוינער, דער דורכפאָהרענדער סוחר סטעוואַרד, אַנ'ענגלענדער, האָט אין דעם צופּלוצלונגען מענש דערקענט, אַז דאָס איז בראָניסלאַוו גאָלדבוים.

די אָנגעקומענע „פּאָגאָטאָוויע" האָט גאָלדבוים תיכף איבערגעפיהרט אין שפּיטאָל אַריין, און ער איז אָפּגעשטאָרבען אויפ'ן וועג, אויף די הענט פונ'ם דאָקטאָר.

• • •

דער דערמאָנטער ענגלענדער מיסטער סטעוואַרד, וועלכער איז געקומען קיין לאָדז אין געשעפטליכע ענינים פון א רייהע ענגלישע פירמען ווייזט אוים, האָט זעהר פיל צו דערצעהלען וועגען די סבות, וואָס האָבען געטריבען דעם אָנגעזעהענעם סוחר צום מורא'דיגען דאָפּעלט-זעלבסטמאָרד. גאָלדבוים איז מיט דער שווייגענדען ענגלענדער געשטאַנען אין געשעפטליכע באַציהונגען. מיט א פאָר טעג צוריק איז צווישען זיי ביידע פאָרגעקומען א לענגערע קאָנפערענץ אין „גראַנד האָטעל". נעכטען 9 פריה, ד. ה. אַבּיסעל פריהער פאַר'ן זעלבסטמאָרד איז גאָלדבוים ווידער אַרויף צו סטעוואַרד'ן, און באַלד דערנאָך איז פאָרגעקומען דער גרוילענדער זעלבסטמאָרד. וואָס זיי האָבען צווישען זיך גערעדט ווייסט מען נישט און דער שווייגענדער ענגלענדער וויל וועגען דעם גאָר נישט זאָגען. ער ערקלערט, אַז דאָס איז א געשעפטליכע געהיימנים. און וואהרשיינליך וועט מען שוין עס נישט וויסען.

אין די סוחר'ישע קרייזען ווייזט מען אָן, אַז גאָלדבוים האָט לעצטענס איבערגעלעבט א זעהר שווערע צייט, און דאָס זאָל איהם האָבען דערפיהרט צום שוידערליכען זעלבסטמאָרד.

דער גרוילענדער זעלבסטמאָרד האָט געמאַכט א זעהר שווערען איינדרוק אין די לאָדזער סוחרים-קרייזען און די גאַנצע שטאָט איז נעכטען געשטאַנען אונטערן רושם פון דער שרעקליכער געשעהעניש.

---


ביום א' כ"ח מרחשון (1/12-29) 11.30 לפני הצהרים תערך

הזכרה בבית החיים ותוצג מצבה

על קברו של המנוח ב"ע

יעקב ווישליצקי

(חתן הרב מקפוסט)

קרוביו, מכיריו ומידועיו מתבקשים לבוא בדיוק.

המשפחה המתאבלת.

---

הריני מביעים בזה את רגשי השתתפותנו הכי חמה למשפחת דישקין לרגלי מות עליהם תפארת ראשם

הרב ר' סנדר דישקין זצ"ל

השוכן בגבהי מרומים ינחמה בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

דוב בעריש שווייצער,
שמחה הדס.

---

הנני מביע רגשי צער עמוק מקירות לב

למשפחת דישקין וביחוד לאחים אברהם ומרדכי גורדון

לרגלי הלקח מאתם עטרת ראשם זקנם החשוב המופלג המפורסם יר"א יקר רוח מצוין במעלותיו ובמדותיו התרומיות

הרב ר' סנדר דישקין ז"ל

בתוך שאר אבלי ציון וירושלים ינוחמו

עמנואל המבורסקי

---

דעם ג' ה' משה רובינאוו צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסליכער פרוי

נ"ע חי' דבורה

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל; זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

לייבל האַכמאַן, אברהם משה פרידמאַן, מאיר ליבערמאַן, אייזיק גאַנזוואַל, שמואל גליקליך, הערש גליקליך, אייזיק זיסמאַן, בעריל פרידמאַן, יונה דימאַנד, זלמן מאָרגענטאַלער, גבריאל דזשאַלאָשינסקי, ליבערט גלאַטער, מאיר מאַיערטשאַק אברהם פרידריך

---

אונזער אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל און שמערצפולען בײַלייד דריקען מיר אויס דער שווער געטראָפענער פאַמיליע דישקין צוליב דער פטירה פון זייער אונפערגעסליכען און טייערען

נ"ע הרב ר' סענדער דישקין

זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

לייבל האַכמאַן, אברהם משה פרידמאַן, מאיר ליבערמאַן, אייזיק גאַנזוואַל, שמואל גליקליך, הערש גליקליך, אייזיק זיסמאַן, בעריל פרידמאַן, יונה דימאַנד, זלמן מאָרגענטאַלער, גבריאל דזשאַלאָשינסקי, ליבערט גלאַטער, מאיר מאַיערטשאַק אברהם פרידריך

---

דעם ג' ה' משה רובינאוו און פאַמיליע צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין געליבטער פרוי

נ"ע חי' דבורה

דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

בעריש שווייצער.

# די פסיכאלאגיע פון די געשעהעענישעז אין ארץ-ישראל

ספעציעל פאר'ן "לאדזשער טאגעבלאט" — פון — פראפ. נחום סלושץ

שוין דריי מאנאטען זענען אריבער, ווען די שרעקליכע אונרוהען האבען אויסגעבראכען געגען דעם יודישען ישוב אין ארץ-ישראל און דאס לאנד איז נאך ווען רוה נישט געקומען. אמת, די מאסען-איבערפאלען האבען אויפגעהערט, פון שחיטות און רציחות איז כמעט מעהר קיין רייד נישט, — אבער פונדעסטוועגען פיהלען זיך די ארץ-ישראל'-דיגע יודען נישט זעהר היימליך און פרעמדען ביי זיך אליין — ווייל ביי די אנדערע, ביי די ווייטע, איז נישטא וואס צו פרעגען — אויב דאס פינסטערע שפיל, וואס מען האט אזוי לייכט גע-קאנט פארמיידען, איז שוין צו ענדע. און מען זאל נישט קומען און זאגען, אז דאס ארץ-ישראל-יודענטום לעבט איבער א לאנגען מאמענט פון נאך-פאגראמישער פאניק און געפינט זיך אין א נאטירליכען צושטאנד פון א פחד שוא — אלס זעלבסטפערשטענדליכע נאכפאלגען פון די שווערע געשעהענישען: ווער עס מעסט די פסיכאלאגיע פון ארץ-ישראל-ישוב מיט דער מאס פון גלות-יודענטום, בעגרייפט נישט, ווי ווייט דאס זעלבסט-געפיהל און די נאציאנאלע ווירדע פון דעם ערשטען שטעהט העכער איבער דעם לעצטען.

איך האב איבערגעלעבט די קאטאס-טראפע פון 23. אויגוסט צוזאמען מיט דער יודישער מאסע אין ירושלים; איך האב מיט מיינע אייגענע אויגען געזע-הען, ווי אזוי פלוצים, אין איין שעהנעם נאכמיטאג פון א לאנגען פרייטאג, זענען באנדעס דארפסלייט — די אייגענע שכנים פון די יודישע פארשטעטלעך — מטפאלען די גרופע, וועלכע ציהט זיך פון רוממה, מגבעת תמואל איבער קרית משה, בית הכרם און ביז צו בית שמן; די געוועהנליכע פרידליכע פעלאכען פון ליפתה, דיר יאסין, מלחא און אנדערע— פלוצים פערוואנדעלט אין ארגאניזירטע מחנות פון ווילדע חיות און רויבער-באנ-דעס — האבען זיך פערזאמעלט איבער-צופאלען א גאנצען יונגען יודישען ישוב, פון וועלכען זיי האבען מאטעריעל אזוי פיל גענאסען, מיט דער אפענער כונה אוועקצונעמען ביי זיי דאס לעבען און דאס פערמעגען, את הנפש ואת הרכ"ש צוזאמען.

שטעהענדיג אויף דעם הויכען טורם פון דעם נאך נישט פערענדיגטען לעה-רער-סעמינאר אין בית-הכרם, וואו די בראווע בעל-הבתים פון דער סביבה האבען גלייך פערזאמעלט זייערע פרויען און קינדער און ארגאניזירט אויפ'ן ארט א זעלבסטשוץ מיט א מעטאדישער ליי-טונג, וועלכע האט בעוויזען איהר ווירק-זאמקייט: אין בית-הכרם איז קיין איינ-ציגער יוד נישט פערוואונדעט געווארען — האב איך בעאבאכטעט די באנדעס פון רויבער, וועלכע האבען זיך פערזא-

# טרויעריג געלעבט און טרויעריג געשטארבען

דאס לעצטע ווארט נאך א לאדזשער יודישען אקטיאר

— פון — זלמן זילבערצווייג (ניו-יארק)

א קורצע נאטיץ אין דער פרעסע ברענגט די טרויעריגע בשורה, אז דוד פאללער, א יודישער אקטיאר פון לאדז, איז בעגאנגען אין טשערנאוויץ זעלבסט-מארד. ער האט זיך אויפגעהאנגען. אין דער נאטיץ ווערט אויך געזאגט, אז פאללער האט דארט געשפילט מיט זיין פרוי.

די נאטיץ שטימט נישט אינגאנצען. איהר צווייטע העלפט איז נישט ריכטיג. פאללער האט נישט געשפילט, בלויז זיין פרוי חלואי וואלט בעסער די ערשטע העלפט נאטיץ געווען נישט ריכטיג.

אויב עס איז אזוי געשעהען, אז פאל-לער האט אליין א סוף געמאכט צו זיין געמוטשעטע, נעפלאגטע לעבען, ער האט געוואלט מקיים זיין דעם פסוק "טרויע-ריג געלעבט און טויעריג געשטארבען".

איך האב פאללער'ן קיינמאל נישט געזעהן שפילען, און בסך-הכל איהם שוין געזעהן א צובראכענעם, א רואינירטע מען, צוגעשמירט צום בעט, אבער ווען מען דערמאנט זיך, אז פאללער האט אנ געהויבען שפילען מיט 32 יאהר צוריק, און האט דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען געשפילט אין רוסלאנד, דארף מען נישט זיין קיין נביא צו וויסען, אז קיין אייביג זיס איז לייכט לעבען האט ער נישט געהאט.

איז פאללער געווען א בערימטער אקטיאר? — ניין! אבער א סאלדאט, א עהרליכער, א מוטיגער סאלדאט אויפ'ן פראנט פון יודישען טעאטער איז ער געווען, און אלס איינער פון די, וועלכע האט מיט זיין מוח, מיט זיין בלוט און מארך אויסגעהארעוועט די יודישע בינ-גע, פערדינט ער, אז לכל הפחות אין א לאדזשער צייטונג זאל מען איהם, דעם בוי-ער, צוטיילען דעם לעצטען כבוד.

פאראיאהרען האב איך אויף מיין רייזע איבער'ן בארג סיני פון יודישען טעא-טער, אין רומעניען, נעטראפען שפילען אין בוקארעסטער יודישען טעאטער א פערהעלטנישמעסיג יונגע, זעהר שעהנע דאמע, א שמייכלענדיגע, א לאכענדיגע, האט מען געקענט מיינען ווער ווייסט ווי ריקליך זי איז. אבער עס איז גענוג גע-ווען, אז ווען בעקאנטע לאדזשער אקטיא-רען זאלען אויסזאגען חעם סוד, אז איך

